# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT

VOL. XII, No. 7. **50 CENTS A YEAR** MARCH, 1930

## ACCORDING TO THE SCRIPTURES.

We who write these articles are not Gentiles. We are Jews. Neither are we destructionists; we ask our Jewish friends to believe nothing which is not to be found in our own Jewish Bible.

Everything we believe, is Jewish. The Lord Jesus Christ Himself was born of a Jewish virgin, and came directly from the seed of David. Paul, the greatest Christian that ever lived, also was a Jew and was proud to call himself a Jew. This Paul was a student of the great Rabbi Gamaliel, and thus he was thoroughly versed in all the Old Testament teachings, so that you may be sure he would never have believed in the Lord Jesus Christ if he had found anything contrary to what he had learned thru God's revelation in the Old Testament.

In spite of what our esteemed Rabbis try to tell us today, there were thousands and thousands of Jews in the first century of the Christian era who were believers in the Lord Jesus Christ. A Gentile believer, or a Gentile Christian, as we would call him today was unknown for at least 13 years after the Lord Jesus Christ had arisen from the grave and ascended into heaven.

So you see, it is all Jewish from the very foundation, and so we have a right to come to our Jewish brethren today and ask them to do what our forefathers did 1900 years ago, that is, to accept the Lord Jesus Christ as Messiah and Saviour.

Thru that great Talmudist, Paul, God tells us, in 1st Cor. 15:3:

> "For I delivered unto you first of all that which I also received, how that Christ died for our sins *according to the Scriptures.*"

Thus you see that God showed Paul how that the very death of Christ was in accordance with our Old Testament Scriptures.

To show our readers just two or three important and remarkable illustrations of this wonderful fact, that whatever the Lord Jesus Christ did on this earth, it was foretold that he would do in our own Old Testament Scriptures, we will give you several Scripture references so that there cannot be the least shadow of a doubt as to the correctness of our statement.

First, let us take what is possibly the most important Scripture reference in all the Bible. We refer to Daniel 9:25,26:—

> "Know therefore and understand, that from the going forth of the commandment to restore and to build Jerusalem, unto the Messiah the Prince, shall be seven weeks, and threescore and two weeks; the street shall be built again, and the wall, even in troublous times. And after threescore and two weeks shall Messiah be cut off, but not for himself; and the people of the prince that shall come shall destroy the city and the sanctuary; and the end thereof shall be with a flood, and unto the end of the war desolations are determined."

Of course every Bible student knows that the expression "weeks" in these verses means a period of seven years for each week. In the year 445 B. C. the command was given to restore and re-build Jerusalem. See Neh. 2:1. Seven "weeks" later, that is 49 years, the street and the wall of Jerusalem were rebuilt, Artaxerses having given the command to rebuild in 445 B. C. This was exactly as Daniel had foretold, to the very year. Sixty-two "weeks" later, that is 434 years later (62 times 7 years) the Lord Jesus Christ rode into Jerusalem for the last time; a few days later he was crucified.

To any honest mind, this literal and accurate fulfillment of the prophecy given 483 years before, is nothing less than astounding. And this fact alone should be enough to convince any right minded inquirer concerning the Truth as to the coming of the Lord Jesus Christ. But we have not space to dwell further on this most important point, as we must hurry on.

Second. We want to present another striking prediction made by God thru our Old Testament prophets, and fulfilled to the letter in the Lord Jesus Christ. It was this:—

> "Therefore the Lord himself shall give you a sign; Behold, a virgin shall conceive, and bear a son, and shall call his name Immanuel."

And seven hundred years later, the wonder of wonders came to pass, just exactly as God had foretold through Isaiah —a virgin, Mary, gave birth to a Son, whose name was Immanuel, God with us. And He also had the name which in English is Jesus; in Hebrew it is Joshua, meaning "He shall save His people from their Sins." Read these wonderful words in the sacred record, and see how minutely every letter of our Old Testament was fulfilled:—

> "But while he thought on these things, behold, the angel of the Lord appeared unto him in a dream, saying, Joseph, thou son of David, fear not to take unto thee Mary thy wife: for that which is conceived in her is of the Holy Ghost. And she shall bring forth a son, and thou shalt call his name Jesus: for he shall save his people from their sins. Matth. 1:20-21.

And it is for that He came—to save you from your sins, if you will but accept Him as your atonement and your sin-bearer. For right at this point we are brought face to face with another startling fact. Seven hundred years before the Lord Jesus Christ was born in this miraculous way, God made another prophecy through Isaiah. This time the prophecy had to do not with the Saviour's miraculous birth, but with His ignominious death. So that both His birth and his death were foretold some seven hundred years before they occurred! Read:—

> "All we like sheep have gone astray; we have turned every one to his own way; and the Lord hath laid on him the iniquity of us all. He was oppressed, and he was afflicted, yet he opened not his mouth: he is brought as a lamb to the slaughter, and as a sheep before her shearers is dumb, so he openeth not his mouth. He was taken from prison and from judgment: and who shall declare his generation? for he was cut off out of the land of the living: for the transgression of my people was he stricken. Yet it pleased the Lord to bruise him; he hath put him to grief; when thou shalt make his soul an offering for sin, he shall see his seed, he shall prolong his days, and the pleasure of the Lord shall prosper in his hand." Isa. 53:6-10.

Lack of space makes it impossible to go on further with these wonderful evidences. But to the earnest, honest mind, truly seeking God's truth, we know we have told you enough to cause you to wake up and say, "If these things are true, I want them!"

So, will you accept Him as an offering for your Sins? You can do it this very minute while you are reading these words, right where you are, and God will hear you, and put in your heart a peace you never had before.

**BETH SAR SHALOM**

**Throop Avenue and Walton St.**

**Brooklyn, N. Y.**

לעבען הייסט עס אויך נישט אבגעשטארבען ווייל דאמאלס געהט מען ערשט איבער צו א העכערען לעבען, צו דעם הימלישען פאלאסט וואס ישוע המשיח האט פארבערייט פאר זיינע גלויביגע, צו חיי עולם הבא, צום מלכות השמים.

אונזער חיים'ן האט תמיד דאס הערץ וועה געטהון וואס זיינע עלטערן האבען אים פאר זיין אמונה פארלייקענט און פארשטויסען. אבער נאך מעהר האט איהם וועה געטהון וואס זיי האבען נישט געוואלט גלויבען אין ישוע המשיח כדי זיי זאלען אויך קאנען נהנה זיין מזיו השכינה דורך ישוע המשיח.

ווען אונזער גרויסער איד איז נאך א לאנג יעהרינגען געבענשטען לעבען אהיים צו זיין משיח, האבען אסאך אידען ערשט אויסגעזאגט וואס פאר א הארציגער פריינד ער איז צו זיי געווען. ער האט געהאט פאר יעדען א גוט ווארט, א גוטע עצה און א ברייטע אפענע האנד און אלע האבען בפה אחד אויסגערופען "זכר צדיק לברכה"!

Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

שטעטעל אליין באשטעהן און ער בעדארף קיינע שמשים. און אין די 30 יאהר האט גאט ב"ה אונזער ארבייט געבענשט, איהר הערט — געבענשט! ווייל ער האט נחת אין אונזער ארבייט פאר דעם מלכות השמים? !

זיי, די מלשינים, האבען אבער לחלוטין גאר נישט געגען אונז מיסיאנערן פערזענליך, ווייל זיי האבען אונז קיינמאל נישט געזעהן און מיר האבען זיי אודאי קיינמאל קיין בייזעס געטהון. זיי זענען אבער נישט אויסען אונז נייערט דעם היילינען משיח דעם בן אלהים גופא וועלכען מיר דרש'ענען צו כל ישראל כדי זיי זאלען אויך פון איהם וויסען און דורך איהם גליקליך זיין.

אט דיעזע רוגזה וואס זיי דרוקען אויס אין זייערע שקרים איז שוין לאנג בעשריבען געווארען דורך דעם רוח הקודש אין תהלים ב. דארט הייסט עס:

"למה רגשו גוים ולאמים יהגו ריק יתיצבו מלכי ארץ ורוזנים נוסדו יחד על ד' ועל משיחו". עס זענען געוועזען גרויסע מענשען וואס האבען זיך געגענעשטעלט ישוע המשיח, און עס זענען אויך פאראן קליינע מענשעלעך אזאלכע ווי די וואס האבען געשריבען יענע שקרים געגען אונז וואס האווקען אויך געגען משיח. אבער אלע, סיי גרויס סיי קליין וואס זענען געגען ישוע המשיח ווערען גערעכענט אין גאטס אויגען ווי גלייך זיי וואלטען זיך שטעלען געגען גאט זעלבסט, ווייל דארט הייסט עס "על ד' ועל משיחו". עס איז איינס און דאס זעלבע. גאט און משיח זענען איינס. דער וואס בעליידיגט דעם היילינען משיח דער בעליידיגט גאט ב"ה.

מיר פרעגען אבער, וואס האבען דען גאר אויפגעטהון יענע אלע וואס זענען תמיד געוועזען געגען משיח, האבען זיי איהם פארקלענערט, פארדונקעלט אדער בעזייטיגט? עס זענען געוועזען פרינצען און מלכים ווי צב"ש קעניג הורדוס, קייזער נערא און קייזער יוליאן און אנדערע וואס האבען אויפגערעגט א שרעקליכען שטורם געגען ישוע המשיח (לעזט היסטאריע) האבען זיי עפעס אויפגעטהון דערמיט? ישוע המשיח האט תמיד געהאלטען אין איין וואקסען און זיין וואוקס ווערט פארטגעזעצט ביז'ן היינטיגען טאג, און באלד, באלד וועט ער צוריק קומען און זיין דער מלך על כל הארץ, טראץ די פערליימדונגען פון שקרנים, גרויס צו קליין, וואס ווילען זיך אננעמען גאטס קריוודע.

אין זעלבען קאפיטעל הייסט עס ווייטער "יושב בשמים ישחק אדני ילעג למו", דאס הייסט, גאט לאכט פון זיי. אט זעהט איהר שוין פארוואס גאט לאכט! אזוי צו זאגען: אנו גיט נור א קוק ווער עס געהט מלחמה האלטען געגען גאט און געגען זיין משיח. א קליינטשיקע אונבעדייטענדע מוראשקע.

גאט וועט אבער נישט תמיד לאכען —

"אז ידבר אלמו באפו ובחרנו יבהלמו", עס וועט קומען א צייט אז גאט וועט צו יענער חברה רעדען מיט זיין צארן און מיט זיין גרימצארן וועט ער זיי פארניכטען, הלואי נעמען זיי אן ישוע המשיח, פריהער ווי שפעטער און דורך איהם בעקומען א תשועת עולמים.

ווייטער אין זעלבען קאפיטעל זאגט דער רוה"ס אנשטאט משיח:

„אספרה אל חק ד' אמר אלי בני אתה אני היום ילדתיך שאל ממנו ואתנה גוים נחלתך ואחזתך אפסי ארץ", דאס הייסט אז גאט זאגט צו ישוע המשיח, דו ביזט מיין זאהן... דיר וועל איך געבען די גאנצע וועלט. און וואו אין דער גאנצער וועלט ווייסט מען דען נישט פון ישוע המשיח דעם בן אלהים חיים?

דאמאלס ווען תהלים ב' איז געשריבען געווארען האבען שוין הייליגע און גאטספירכטיגע מענשען געוואוסט אז ס'איז פאראן א בן אלהים און אז מ'דארף אין איהם גלויבען. מ'האט געווארט געדולדיג ביז 2000 יאהר צוריק ווען ישוע המשיח איז ענדליך געקומען נאך ירושלים און איז בפני קהל ועדה גע'טובל'ט געווארען אין ירדן און א קול איז אראב געקומען פון הימעל זאגענדיג: „זה בני ידידי בו רצתה נפשי אליו תשמעון". ד"ה, גאט זאגט, דאס איז מיין געליעבטער זאהן אין וועם מיין נפש איז וואוילגעפאלען איהם זאלט איהר צוהערען. (מתתיהו ג, 17 און קאפ. י"ז, 5).

דאס צווייטע קאפיטעל ענדיגט זיך מיט "אשרי כל חוסי בו" וואויל איז דעם וואס שיצט זיך אין איהם, אין היילינען משיח. עס הייסט נישט, אשרי כל הבוגד ופושע בו, ווייל צו יענעם איז שוין נעביך אז אך און וועה... נייערט עס הייסט אשרי כל חוסי בו", ווייל אזאלכע זענען די "זרע ברך ד'".

## גרויסע אידען

דאס בילד שטעלט פאר דעם גרויסען איד פאסטאר חיים פ. דווארקאוויץ פון טאקאטשין נעבען ביאליסטאק.

חיים פ. דווארקאוויץ שטאמט פון א וואזשנע פאמיליע. זיין פאטער איז געוועזען א רב אין יענער שטאדט און זיין מוטער שטאמט פון די באריהמטע "אבארבאנעל" פאמיליע פון שפאניען. זייענדיג א בן יחיד האבען זיינע עלטערן אודאי געוואלט אז אויך אונזער חיים זאל א רב ווערען. זיי האבען איהם די בעסטע ערציהונג געגעבען און איהם געהאלטען על התורה ועל העבודה.

דער דאמאלס 15 יעהריגער חיים האט דאס אבער נישט געוואלט. סטייטש, גאר א רב ווערען און געשוואלען ווערען יעדען מאנטאג און דאנערסטאג פאר הונגער! איז ער אין א שעהנעם באנאכט פליטה געלאפען אי פון זיין פאמיליע און אי פון רוסלאנד און האט אנגעשלאגען אזש אין בערלין, דייטשלאנד, וואו ער האט זיך אבער געפונען אהנע פריינד און אהנע בעקאנטע.

זיין ערשטע בעקאנטשאפט איז געוועזען אויף דער קווארטיר וואו ער איז איינגעשטאנען. ער האט נעמליך באמערקט אז א יונגער מאן, אויך אין יענעם קווארטיר, האט זייער אפט געלעזען א קליין ביכעלע. חיים האט זיך זעהר געוואונדערט וואס דא איז אזוי פיעל צו לעזען דרין! ער האט אפנים נישט געוואוסט אז דאס איז דאס נייע טעסטאמענט, דאס ווארט גאטעס, און דאס לעזט מען נישט אב און פטור, נייערט "הפוך בה והפוך בה", ווידער און ווידער, וואס מעהר דעסטא מעהר חיות און מעהר ברכות.

ויהי היום האט ער א מדובר געהאט מיט דעם ליעבען יונגען מאן מכח יענעם קליינעם ביכעלע. דער קריסט האט עס איהם געציינט און ערקלעהרט וואס פאר א אוצר מיט ברכות מיט ישועות ונחמות דאס ביכעלע ענטהאלט. דאס האט איהם גרויס חשק געגעבען אליין עס צו לעזען ווייל אינו דומה שמועה לראיה.



Pastor Dworkowicz.

אזוי לעזענדיג האט עס איהם א נעם געגעבען ביי דער סאמע נשמה. דער שארפער קאפ האט אלעס תופס געוועזען. דאס הערץ איז הונגעריג געוועזן, און נאך א גרינטליכען שטודיאום האט ער איינגעזעהן בחוש אז ישוע איז דער הייליגער גואל צדק על פי התורה והנביאים.

פרעגט נאר נישט — עס האט איהם מעהר קיין פריינד נישט געפעהלט. בעפאר האט ער זיך געפונען אן עלענדער אין דער גרויסער שטאדט בערלין צווישען אזוי פיעל אידען, קיין פריינד, קיין קרוב. אבער אין ישוע המשיח האט ער תיכף באקומען א וועלט מיט הארצעדיגע פריינד וואס ער האט קיינמאל אפילו נישט גע'חלומ'ט אז אזאלכע זענען נאר פאראן. איהר וועט אפשר פרעגען ווי אזוי איז דאס מעגליך? יא, אין ישוע המשיח איז אלעס מעגליך. פארזוכט עס וועט איהר אליין אויך דאס געפינען.

אונזער גרויסער איד איז באלד געגאנגען שטודירען און אין א פאר יאהר שפעטער זעהען מיר איהם ארויסקומען פון דער באזעלער אוניווערזיטעט אויסשטודירט אלס רעווערענד חיים פאול דווארקאוויץ.

ווי געוועהנליך לאזט מען אזא אבן טוב אויף דער גאס לאנג נישט ארומגעהן. אסאך קהלות האבען איהם געוואלט אלס זייער פרעדיגער באקומען. ער האט זיך אבער ענטזאגט פון אלע רייכע געמיינדעס און האט זיך בעסער אנגעשלאסען צו דער אידישער מיסיאנס געזעלשאפט אין לאנדאן, וואו ער זאל קאנען אידען טובות טהון. ער האט פאר 60 לאנגע יאהר מרביץ תורה געוועזען צווישען אידען, געהאלפען די שוואכע און צוריק געברענגט די פארוואגעלטע צו דעם מקור החיים אין ישוע המשיח.

און זיינע עלטערן — זיי האבען זיך שבעה געזעצט... קריעה געריסען... אוים, אן עק, אבגעשטארבען... חיים לעבט נישט מעהר.

ביי חיים'ן האט זיך אבער ערשט דאס לעבען אנגעהויבען. מ'שטיינס געזאגט, וואס פאר א מין לעבען איז דען גאר אהנע ישוע המשיח! ער זאגט "אנכי החיים", איך בין דאס לעבען (יוחנן ו', 14). א לעבען אין משיח קאן קיינמאל נישט אבשטארבען. אפילו ווען מ'לאזט שוין איבער דאס ערדישע

(פארטזעצונג אויף דער לעצטער זייט)

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב. יוחנן י·11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד. יחזקאל ל"ד 23

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח.

VOL. XII, No. 7. | 50 CENTS A YEAR | MARCH, 1930


## ראטשילדס אייניקלעך — קריסטען

עס איז אן אלטער כלל אז פון די אידען וואס זענען געווארען גלויביג אין ישוע המשיח זענען ארויסגעקאמען גרויסע טובות צו אידען. אט למשל „דיזראעלי", ער איז געווען א גלויביגער אין ישוע המשיח מיט זיין גאנצען הארץ און נשמה, ער איז געוואקסען אין זיין גרויסקייט ביז ער איז געווארען פריים מיניסטער פון ענגלאנד, און אין זיין הויכע שטעלונג האט ער אויסגעגאסען זיין ליעבע צו זיין פאלק ישראל אין אזאלכע גאלדענע ווערטער וועלכע זענען ביז'ן היינטיגען טאג א ווערקצייג צו פארשטאפען דאס מויל פון די שונאי ישראל. און נישט נור דיזראעלי, נייערט פיעלע אנדערע אזאלכע, באטש אין קלענערע שטעלען. האבען גרוים געמאכט דאס אידישע פאלק אין דער אבשאצונג פון גוים.

אט זאגט מען אז אויך דער מיניסטער באלפור פון ענגלאנד קאמט ארוים פון אידישע קריסטען און זעהט וואסארא גרויסע טובה ער האט געטהון פאר'ן פאלק ישראל מיט זיין דעקלאראציע פאר ציוניזם.

באך זענען פאראן אידען וואס זאגען אז ווען א איד ווערט א גלויביגער אין ישוע המשיח קומען פון איהם ארוים קינדער וואס ווארפען שטיינער אויף אידען און ווערען גרויסע שונאי ישראל. וועלכע פון די צוויי געגענגעזעצטע באהויפטונגען זענען אלזא אמת? ענטוועדער די ערשטע אויבען דערמאנטע טהאטזאך איז ריכטיג אדער די לעצטערע באהויפטונגען זענען אמת?

ווי די זאך זאל אבער נישט זיין, געפינען מיר שטארקע בעווייזע אזביידע זענען ריכטיג. לאמיר אבער ערשט דערצעלען א קורצע אבער זעהר א מערקווירדיגע געשיכטע וואס האט זיך אנגעהויבען מיט אן ערך פון הונדערט יאהר צוריק און האט זיך געשלעפט און געצויגען ביז'ן היינטיגען טאג.

דער אנפאנג פון דיעזע געשיכטע איז געווען מיט א אידיש מיידעל וואס האט געהייסען חנה ראטשילד, א פלימעניצע פון מאיר אנשעל ראטשילד דער אריגינאטאר פון דער ראטשילד משפחה.

די חנה האט זיך צופעליג פארליעבט אין א קריסט מיט'ן נאמען דע־לא־פערטע. נו נו, פרעגט שוין גאר נישט, עס האט זיך געטהון אויף טיש און אויף בענק. סטייטש א מיטגליעד פון ראטשילד'ס משפחה זאל הייראטען א קריסט!? דאס איז געווען אן אומגליק און אן אייביגער פלעק אויף דער גאנצער משפחה. חנה האט אבער נישט געוואלט וויסען און הערען די געשרייען און געבעטען פון דער משפחה און זי האט דאך חתונה געהאט מיט'ן קריסט און האט מיט איהם געהאט 4 קינדער. זיי האבען געלעבט אין גרויסע צרות ווייל די ראטשילד משפחה האט זיי פארפאלגט אויף שריט און טריט.

ענדליך האבען זיי געמוזט פליטה לויפען פון אייראפא נאך אמעריקא און זייענדיג אויפ'ן שיף איז חנה ארונטער געשפרונגען אין ים אריין און איז דערטרונקען געווארען. אלץ צוליעב די שרעקליכע ווילדע פארפאלגונג וואס איהר משפחה האט אויף איהר שטעדיג אויסגעאיבט.

איצט קומען מיר צו א צווייג פון די ראטשילד משפחה דא אין אמעריקא.

ליליען לאופערטי איז א באוואוסטע שרייבערין פון זשורנאליזם און ביכער. דאס איז אבער נור איהר פסוידענים אונטערשריפט, איהר ריכטיגער נאמען איז ביטרעס פעירפעקס וועלכע איז זעהר גוט בעקאנט צו די וואס לעזען ענגלישע צייטונגען. אט די ביטרעס פעירפעקס איז אן אוראייניקעל צו יענער חנה וואס האט געהייראט א קריסט, און איז געווארען א גלויביגע אין ישוע המשיח.

ליליען לאופערטי אדער ביטרעס פעירפעקס איז איצט פערהייראט צו א אידישען מאן, א מוזיקאנט אין דער אפערא, און זי האט פאר אייניגע טעג געשריבען אן ארטיקעל וועלכעס איז געווען פובליצירט אין פערשיעדענע ענגלישע צייטונגען. זי הויבט אן איהר ארטיקעל מיט א דאנק צו איהר אויסגעמישטע אבשטאמונג צוליעב וועלכען זי קאן סימפאטיזירען סיי מיט אידען סיי מיט קריסטען. זי קאן איינזעהעניש האבען און בעטראכטען דעם איד פון זיין שטאנדפונקט און דעם קריסט פון אן אנדערן. איך האב דעם גייסטיגען טראסט און נחמה — זאגט זי — אז מיין טרייהייט צו דיעזער אדער יענער גרופע מענשען איז נישט ווייל איך בין אזוי אויפגעצויגען געווארען נייערט פון מיין פרייוויליגער אויסוואהל.

לעצטענס האט זי פערפאסט א בוך מיט'ן נאמען "די גאס פון קייטען", זי בעהאנדעלט אין דעם בוך הויפטזעכליך די גרופע מענשען געגען וועלכע די וועלט האט א גרויסען פאראורטייל, און זאגט דארט אז אין פיעלע פעלע האבען אידען אליין געשאפען זייער אייגענע גאס פון קייטען, דאס הייסט, די קייטען פון פאראורטייל. דער איד באשטעהט אויף פיעלע אונטערשיעדען צווישען זיך און אנדערע מענשען. די געשיכטע גיבט אונז פיעלע ביישפיעלען אז נישט נור אידען נייערט מעהרערע אנדערע גרופען פון מענשען וועלכע בעטאהנען זעהר שטארק זייער עם קשה־עורף, זייער אייגען־ארטיגע סעקטע, ציהען אויף זיך דעם פאראורטהייל און אפשר אויך די שנאה פון אנדערע מענשען.

דער איד — שרייבט זי ווייטער, איז איינער פון יענער עם קשה עורף'דיגער אבטיילונג וואס האט זיך איינגעבילדעט אז ער איז איינער אין דער וועלט וואס מוז געהן אויף דעם אויסגעטראטענעם וועג וואס זיינע אור־אור־עלטערן האבען פאר איהם געבאהנט. דער איד האט אויך פון זיי גע'ירש'ענט א שטארקען גייסט פון עמפפינדליכקייט. האבען דען נישט אנדערע מענשען אויך א סאך געליטען? ווי צב"ש די הוגענאטס און די אזוי גענאנטע מכשפות דא אין אמעריקא וועלכע די פוריטאנער האבען אויפ'ן מינדעסטען חשד זיי צום טויט פערארטיילט. און האבען דען די שווארצע מענשען דא אין אמעריקא נישט אסאך געליטען פון שקלאפעריי ביז מיט 70 יאהר צוריק? דער איד איז אבער מעהר עמפפינדליך און פיהלט מעהר ווי אלע אנדערע אויבען גענאנטע ליידענדע.

זי שרייבט ווייטער — אז דאס וואס אידען זענען געווען איינגעשפארט אין די געטאס קאן קיינער דערפאר ניט באשולדיגט ווערען ווייל דאס איז געווען זייער אייגענער פעהלער, זיי האבען זיך אליין איינגעקערקערט צווישען די הויכע און שטיינערנע ווענט פון טראדיציאנען און ראסען שטאלץ. און דיעזע גרויזאמקייט האט דער איד גערופען "אידישקייט". דער איד קאן נישט פערלירען די אידישקייט אפילו ווען ער ווערט אמעריקאניזירט און קולטעווירט, אזוי אז ער זאל נישט דארפען זיין ביי די אמעריקאנער א דארן אין די אויגען. ער קאן דאך זיין ראפינירט, און נישט אויפריי־


Published Monthly, except bi-monthly during August and September, by the Williamsburg Mission to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as second class matter April 14, 1922, at the Post Office at Brooklyn, N. Y., Under the Act of March 1, 1927.